בעזרת השם יתברך



# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

שבת פרשת קרח
ה' תמוז שנת תש"פ
לפ"ק

שנה 1, גליון 4

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר; דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ קֵיסָר וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גְעוֶוען אַ מֶלֶךְ וָואס הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, אֵיינְמָאל הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעטְרָאפְן אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערְן, הָאבִּין זֵיי אָפְּגֶעמַאכְט צְווִישְׁן זִיךְ אַז אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן הָאבְּן קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין; לְמַעֲשֶׂה וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, דֶער קֵיסָר הָאט גֶעבּוֹירְן אַ טָאכְטֶער, אוּן דֶער מֶלֶךְ אַ זוּן, אִיז דֶער שִׁידוּךְ פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן פוּן זֵיי.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: אַזוֹי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן, בִּשְׁעַת מֶען אִיז אִין אַ צָרָה, זָאגְט מֶען צוּ אַז "אוֹיבּ מֶען וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן וֶועט מֶען טוּן דָאס אוּן יֶענְץ", אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט לְמַעֲשֶׂה, מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן, טוּט מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט; אַ אִינְגֶערְמַאן גֵייט אַרְבֶּעטְן, עֶר וִויל פַארְדִינֶען גֶעלְט, זָאגְט עֶר צוּ: "אוֹיבּ אִיךְ וֶועל מַצְלִיחַ זַיין וֶועל אִיךְ בּוֹיעֶן אַ חֲתוּנָה זַאל, מֶען זָאל קֶענֶען דָארְט חֲתוּנָה מַאכְן בִּילִיג, אוּן אִיךְ וֶועל קוֹיפְן הַייזֶער אוּן גֶעבְּן פַאר מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וְכוּ' ..." אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט לְמַעֲשֶׂה זֶעט מֶען נִישְׁט פוּן אִים אֲפִילוּ אֵיין פְּרוּטָה.

וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז זֵייעֶרע עֶלְטֶערְן ווִילְן זֵיי נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן, הָאבְּן זֵיי אַלֵיינְס אָפְּגֶעמַאכְט צְווִישְׁן זִיךְ, אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן זֵיי זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן אָן דִי עֶלְטֶערְן; ווִי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'עֶט: (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סְעִיף כה) אַז צְוֵויי זַאכְן דַארְף מֶען נִישְׁט טוּן ווִי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן הֵייסְן, דֶער מְחַבֵּר זָאגְט: אוֹיבּ מֶען ווִיל גֵיין לֶערְנֶען בַּיי אַ גֶעווִיסֶע רֶבִּי תּוֹרָה ווִיסֶענְדִיג אַז מֶען גֵייט מַצְלִיחַ זַיין אִין דֶעם יְשִׁיבָה מֶער ווִי בַּיי אַ צְוֵוייטֶער רֶבִּי, אוּן דֶער טַאטֶע לָאזְט נִישְׁט אַהִין גֵיין וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא אַז דֶער זוּן וֶועט צוּ קוּמֶען צוּ אַ סַכָּנָה - מֶעג מֶען גֵיין אַהִין לֶערְנֶען, אוּן דֶער רְמָ"א לֵייגְט צוּ נָאךְ אַן הַלָכָה: אוֹיבּ דֶער טַאטֶע לָאזְט נִישְׁט זַיין זוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, דַארְף עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּ הֶערְן צוּ אִים.

אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעדִינְגֶען אַ שִׁיף, אוּן הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיס גֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן יַם, אֵיינְמָאל הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָפְּגֶעטֵיילְט אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּרִיק צוּזַאמֶען טְרֶעפְן, בֵּיידֶע הָאבְּן גֶעבְּלָאנְדְזְשֶׁעט, דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ טוּן, אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ מְשָׁרֵת בַּיי אַ בַּעַל הַבַּיִת, אוּן דִי בַּת קֵיסָר הָאט זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען אַז זִי וֶועט בְּלַייבְּן בַּיי דֶעם בָּארְטְן פוּנֶעם יַם, דָארְט אִיז גֶעוֶוען פְּרוּכְט בֵּיימֶער, אוּן זִי הָאט זִיךְ גֶעשְׁפַּייזְט פוּן דִי פֵּירוֹת, בַּייְנַאכְט פְלֶעגְט זִי אַרוֹיף גֵיין אוֹיף אַ בּוֹים זִיךְ אָפְּצוּהִיטְן פוּן דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חַיוֹת.

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: אַז בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעוֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע צָרָה, דֶער בֶּן מֶלֶךְ, אוּן דִי בַּת קֵיסָר; דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דֶעם צַדִיק, אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ גֶעוָוארְן אַ מְשָׁרֵת בַּיי אֵיינֶעם - עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַואשְׁן דִי כֵּלִים בַּיי אַ בַּעַל הַבַּיִת, ווִידֶער דִי בַּת קֵיסָר וָואס אִיז גֶעזֶעצְן נֶעבְּן דֶעם בּוֹים - וָואס דָאס אִיז דֶער צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטַארְק, זִי הָאט זִיךְ אַלֵיינְס גֶעשְׁפַּייזְט, אוּן אִיז

<<<

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ אִיז מַחְלֹקֶת; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ בַּמִּדְבָּר רַבָּה יח, ד): "מַחְלֹקֶת אִיז אַזוֹי הַארְבּ, אַז אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶוערְן אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן דֶער וֶועלְט אַלְץ אַ שְׁטְרָאף פַאר מַחְלֹקֶת. בֵּית דִין שֶׁל מַטָּה גֶעבְּט נִישְׁט קֵיין עוֹנֶשׁ פַאר אַ קָטָן אוּנְטֶער דִי דְרַייצְן יָאר, אוּן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה שְׁטְרָאפְּט נָאר פוּן דִי צְוָואנְצִיג, אָבֶּער בַּיי דִי מַחְלוֹקָה פוּן קֹרַח הָאבְּן אַלֶע בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ, אֲפִילוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן אֵיין טָאג אַלְט".

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, אַנְטְלוֹיף פוּן מַחְלֹקֶת! קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ רוֹדְפְ'ן דֶעם אוּן יֶענֶעם; דוּ שְׁטֵיי אִין דֶער זַייט. וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען קוּמְט דִיר זָאגְן אַז דָאס אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם - פוּן דִי מֶענְטְשְׁן זָאלְסְטוּ זִיךְ גָאר שְׁטַארְק הִיטְן, וַוייל מֶען בַּאצָאלְט אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז וֶוען מֶען רוֹדְפְּ'ט אַ צְוֵוייטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ תשע"ח)

נִישְׁט גֶעוָוארְן קַיין קְנֶעכְט פַּאר אַ צְוֵוייטְן.

יֶעצְט דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

וַיְהִי הַיּוֹם אוּן עֶס אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ בֵּן יָחִיד. אוּן עֶר הָאט אִים חַתּוּנָה גִימַאכְט. אוּן הָאט אִים אָפּ גִיגֶעבִּין דִי מְלוּכָה. אַמָאל הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּם פָּאטֶער. עֶר ווִיל גֵיין זִיךְ שְׁפַּאצִירִין מִיט זַיין וַוייבּ אוֹיף דֶעם יַם. כְּדֵי זִי זָאל גִיוואוֹינְט וֶוערִין מִיט דֶעם אַוִיר פוּן דֶעם יַם. טָאמֶער מוּז מֶען אַמָאל אַנְטְלוֹיפִין אוֹיף דֶעם יַם. (דְרִיבֶּער הָאט עֶר גִיוָואלְט אַז זִי זָאל גִיוואוֹינְט וֶוערִין מִיט דֶעם אַוִיר פוּן דֶעם יַם).

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: אַז עֶס אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ וָואס דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט: "טָאמֶער מוּז מֶען אַמָאל אַנְטְלוֹיפֶען אוֹיף דֶעם יַם", וַוייל ווִי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער, אִיז גָאר דִי גַאנְצֶע מַפָּלָה פוּנֶעם בֶּן מֶלֶךְ גֶעקוּמֶען נָאר אוֹיפְ'ן וַואסֶער; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת, אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ לוֹיפְן, נָאר צוּ אֵיין פְּלַאץ קֶען מֶען לוֹיפְן אוּן זִיךְ בַּאשִׁיצְן: "בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן".

אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִיגַאנְגֶען מִיט זַיין וַוייבּ אוּן מִיט דִי שָׂרֵי מְלוּכָה. אוּן הָאבִּין זִיךְ גִילָאזְט אוֹיף אַ שִׁיף אוּן זֶענֶען דָארְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען אוּן הָאבִּין דָארְט זֵייעֶר גִישְׁטִיפְט. דֶער נָאךְ הָאבִּין זֵיי גִיזָאגְט זֵיי זָאלִין אַלֶע אוֹיס טוּן זֵייעֶרע קְלֵיידֶער. הָאבִּין זֵיי אַזוֹי גִיטָאן. אוּן עֶס אִיז אוֹיף זֵיי מֶער נִיט גִיבְּלִיבֶּען נָאר דָאס הֶעמְד. אוּן הָאבִּין זִיךְ גִיפְּרוּבְט אִיטְלִיכֶער וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיף חַאפִּין אוֹיף דֶעם זֶעגִיל בּוֹים. הָאט זִיךְ דֶער בֶּן מֶלֶךְ אַרוֹיף גִירִיסִין אוֹיף דֶעם זֶעגִיל בּוֹים.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן י"א) אַז גֵאוּת אוּן נִיאוּף גֵייעֶן צוּזַאמֶען, ווִי נָאר זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעטוּן זֵייעֶרע קְלֵיידֶער - וָואס דָאס אִיז 'נִיאוּף' רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זֶענֶען זֵיי אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין 'גֵאוּת', יֶעדֶער הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ אִיבֶּער שְׁטֵייגְן דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן וֶוערְן הֶעכֶער פוּן יֶענֶעם.

דֶער וַוייל אִיז דִי בַּת קֵיסָר הַנַּ"ל אָן גִיקוּמֶען מִיט אִיר שִׁיף אוּן זִי הָאט גִיזֶעהְן דִי שִׁיף (פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ מִיט דִי שָׂרֵי מְלוּכָה) הָאט זִי אִין דֶער תְּחִילָה מוֹרָא גִיהַאט צוּ צוּגֵיין. דֶער נָאךְ אִיז זִי גִיקוּמֶען נָאעֶנְט אַבִּיסְל הָאט זִי גִיזֶעהְן אַז זֵיי שְׁטִיפִין זֵייעֶר הָאט זִי פַאר שְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִיט קֵיין גַזְלָנִים. הָאט זִי אָן גִיהוֹיבִּין צוּ צוּ גֵיין נֶענְטֶער. הָאט זִיךְ אָן גִירוּפִין דִי בַּת קֵיסָר צוּ אִירֶע מֶענְשִׁין אִיךְ קֶען אַרָאפּ וַוארְפִין דֶעם פְלִיחַ אִין יַם אַרַיין (דְהַיְינוּ דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִירִיסְן אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם זֶעגִיל בּוֹים) וָוארִין דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ פְּלִיחַ אוֹיף דֶעם קָאפּ.

דִי בַּת קֵיסָר הָאט גֶעוָואלְט הַרְגְ'נֶען זֵייעֶר 'מַנְהִיג', וָואס פִּירְט זֵיי אַרַיין אִין נִיאוּף, אוּן מַאכְט זֵיי אוֹיסְטוּן זֵייעֶרע קְלֵיידֶער, אַז דֶערְנָאךְ וֶועט זִי קֶענֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם שִׁיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי בַּת קֵיסָר - דָאס אִיז דֶער צַדִיק נֶעמְט אַוֶועק דִי גַאֲוָה פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זֵיי אַ שִׁפְלוּת, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַן אֶמֶת'עֶר צַדִיק דַאן פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן, אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט, אַז אַוַודַאי מֵיינְט דָאס נִישְׁט צוּ זַיין אַ 'שְׁלִימַזָל', נָאר 'שִׁפְלוּת'.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן 'שָׁלוֹם בַּיִת'; אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעזֶען אִין סֵפֶר חֲתַם סוֹפֵר (בְּסֵפֶר שִׁיר מָעוֹן, מֵרַבִּי שִׁמְעוֹן סוֹפֵר זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה) אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה, אוֹיפְן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר יב, ג) וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָיו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה, זָאגְט רַשִׁ"י, עָנָיו וְסַבְלָן, פְרֶעגְט עֶר, וָואס אִיז שׁוֹין דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַז עֶר הָאט נִישְׁט צוּרִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דִי בִּזָיוֹן פוּן מִרְיָם וָואס הָאט גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אִים, אַז דִי תּוֹרָה רוּפְט אִים אָן: 'עָנָיו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם'? עֶנְטְפֶערְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן סוֹפֵר זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זֵייעֶר אַן אֶמֶת'עֶר וָוארְט, אַז וֶוען אֵיינֶער אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ טְשֶׁעפֶּעט דִיךְ, בַּאדֶערְט דִיר עֶס נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק, "הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אִיז וָואס?" אָבֶער וֶוען דִי בִּזָיוֹן קוּמְט פוּן אַ נָאנְטֶע פוּן דִי מִשְׁפָּחָה דֶעמָאלְט טוּט עֶס זֵייעֶר וֵויי, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט אֲפִילוּ אוֹיף דִי בִּזָיוֹן פוּן זַיין שְׁוֶועסְטֶער, וָואס בַּאדֶערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, וֶועגְן דֶעם רוּפְט אִים דִי תּוֹרָה אָן מִיט אַזַא טִיטְל: 'עָנָיו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם'.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: אַז נָאךְ אַסַאךְ מֶער אִיז עֶס וֶוען מֶען בַּאקוּמְט אַ בִּזָיוֹן פוּן דִי וַוייבּ, דִי וַוייבּ שְׁרֵייט: "דוּ בִּיסְט אַ כַּעֲסָ'ן" "דוּ בִּיסְט אַ גְרֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ" "דוּ בִּיסְט אַ בֵּייזֶער" וְכוּ', אָדֶער דִי וַוייבּ רֶעדְט אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאוֹן צוּ אִיר חַבְרְ'טֶע אוּן דֶערְצֵיילְט שְׁלֶעכְטֶס אוֹיף אִיר מַאן, מַיין מַאן אַהֶער, מַיין מַאן אַהִין... דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן, אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס צוּ הָאבְּן שִׁפְלוּת, אוּן צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת, זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן; מִיט גֶעדוּלְד קֶען מֶען אָנְקוּמֶען זֵייעֶר וַוייט, מֶען קֶען אַלֶעס פּוֹעֶלְ'ן בַּיי דִי וַוייבּ, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלְס זָאגְן אַ מַאֲמַר הֶחָכָם: "הַסַּבְלָנוּת הִיא תַּחְבּוּלָה לְמִי שֶׁאֵין לוֹ סַבְלָנוּת", "הָאבְּן גֶעדוּלְד אִיז אַן עֵצָה פַאר וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד", אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט גֶעדוּלְד אוֹיס צוּ וַוארְטְן דִי יְשׁוּעָה, נֶעם דִי עֵצָה פוּן סַבְלָנוּת - הָאבּ גֶעדוּלְד, וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען...

אַז מִיר זֶענֶען בַּיים רֶבִּי'ן דַארְף מֶען פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס: אַז מֶען דַארְף הָאבְּן 'שָׁלוֹם בַּיִת'.

אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיט אַלֶע עֵצוֹת דַארְף מֶען נָאךְ צוּלֵייגְן נָאךְ אֵיין סְפֵּייס צוּ דִי רֶעסֶעפִּי, דָאס אִיז: תְּפִלָּה; בֶּעט

דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זיך קענען אויסקומען מיט דיין ווייב, ווי די מדרש דערציילט (בראשית רבה יא, ד), אז רבינו הקדוש האט אמאל געמאכט א סעודה פאר אנטונינוס אום שבת, מען האט אריין געברענגט א פיינע טשולנט, אנטונינוס האט עס געגעסן און האט עס זייער ליב געהאט, אינדערוואכן האט אנטונינוס געפרעגט רבי זאג מיר דעם רעסעפי וויאזוי מען מאכט אזא גוטע טשולנט, האט אים רבי געזאגט ווי אזוי מען מאכט דאס, אנטונינוס האט עס נאכגעמאכט, אבער עס האט נישט געהאט דעם זעלבן גוטן טעם וואס ער האט געשפירט אין רבי'ס טשולנט, האט ער קודם פרובירט צו עסן פון רבי'ס קעכער אפשר וועט עס יעצט באקומען דעם זעלבן טעם, אבער עס האט נאכאלץ געהאט אן אנדערן טעם, האט ער געפרעגט רבי וואס נאך פעלט אין מיין טשולנט אז עס האט נישט דעם זעלבן טעם ווי ביי דיר? האט אים רבי געזאגט: איין ספייס איז געליגן אין מיין טשולנט, וואס דו האסט נישט אריין געלייגט, די ספייס הייסט: 'שבת', די עסן פון שבת האט גאר אן אנדערן טעם (דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט, אז דו זוכסט שיינע מעשיות צו דערציילן ביי די סעודה פאר דיינע קינדער, דערצייל זיי די מעשה), די זעלבע איז מיט שלום בית אפילו מען האט שוין די גאנצע רעסעפי, דארף מען נאך צולייגן די איינע ספייס: תפלה, און אזוי וועט מען עס באקומען.

מוהרא"ש זכרונו לברכה האט געזאגט: "איך בין מחייב יעדן איינעם צו האבן שלום בית". מוהרא"ש האט מיר געזאגט זייער א שארף ווארט: "איך האב שלעכט אנגעהויבן, איך האב נישט געוואוסט וויאזוי מען דארף לעבן אינדערהיים, איך האב געלערנט זייער פלייסיג, ווען מיין ווייב האט געוואלט פארברענגען מיט מיר, האב איך איר געזאגט: נא... נו... איך האב נישט געוואלט מפסיק זיין פון לערנען, האב איך זיך צוליב דעם געמוטשעט יארן שפעטער"; האט מיר מוהרא"ש געזאגט: "דו האסט שוין אבער דעם 'אשר בנחל', וועסטו שוין ווייסן ווי אזוי זיך צו פירן"; מען דארף שמועסן און פארברענגען מיט די ווייב.

די וואך האב איך באקומען א בריוו פון א אינגערמאן, וואס שרייבט מיר: "מיין ווייב האט מיר אינגאנצן צעגראדזשעט"; יעדע זאך גייט אהין און צוריק. א פרוי גראדזשעט נישט פאר סתם, דו האסט איר געטשעפעט האט זי דיר צוריק געטשעפעט.

איך געדענק איך פלעג מיטהאלטן דיני תורות ביי מיין זיידע אין קארלסבורג; איז איינמאל אריין געקומען א אינגערמאן אינגאנצן צעבלוטיגט זיין פנים, זאגענדיג אז זיין ווייב האט אים צעבלוטיגט; שפעטער קומט צו גיין זיין ווייב איר הענט איז אינגאנצן צעביסן, יעצט פארשטייסטו שוין פונקטליך, מען צעבלוטיגט נישט יענעם פאר סתם. מוהרא"ש זאגט: "א קאץ, אויב דו געבסט עס מילך ווערט עס דיין פריינד, טשעפעסט דעם קאץ, וועט זי דיר שעדיגן, אזוי אויך א פרוי אז דו רעדסט שיין צו איר וועט זי שיין צוריק רעדן צו דיר, אבער אז דו קריגסט זיך און רודפ'סט איר, דעמאלט וועט זי דיר צוריק טשעפען".

די זעלבע איז מיט א מלמד; א אינגל קומט וויינען: "רבי, דער אינגל האט מיר געביסן", פרעגט אים דער רבי: "וואס האסטו אים געטון?" "איך בין סתם געשטאנען נעבן אים..." ווייסט שוין דער רבי די גאנצע מעשה, מען בייסט נישט סתם, אז מען קריגט זיך איינער מיט'ן צווייטן, באקומט מען א ביס...

האבין זיי צו איר גיזאגט ווי איז דאס מעגליך מיר זענען זייער ווייט פון זיי. האט זי זיי גיענטפערט זי האט א ברען בריל און דורך דעם וועט זי אים אראפ ווארפין. און זי האט זיך מיישב גיווען זי וועט אים ניט אראפ ווארפין ביז ער וועט ארויף קומען (העט ארויף) אויף דעם שפיץ פון דעם זעגיל בוים. ווארין כל זמן ער איז אין מיטין. אז ער וועט פאלין וועט ער פאלין אין דעם שיף אריין. אבער אז ער וועט ארויף אז ער וועט פאלין וועט ער פאלין אין ים אריין. האט זי גיווארט ביז ער איז ארויף אויף דעם שפיץ זעגיל בוים.

האט דער ראש ישיבה שליט"א עס מסביר געווען לויט ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן קס"ח): "כשבא לאדם גדלות, סימן שיבוא לו צרה חס ושלום, כמו שכתוב (משלי ט"ז, יח) לפני שבר גאון, וכן כשהוא שפל, סימן שיבוא לכבוד גדול, כמו שכתוב (שם ט"ו, ל"ג) ולפני כבוד ענוה", ווען א מענטש האלט זיך גרויס, דעמאלט וועט ער באקומען א צרה, אבער ווען א מענטש האלט זיך קליין, איז א סימן אז ער וועט גרויס ווערן. דערפאר האט זי געווארט ביז דער בן מלך איז ארויף גאר הויעך, וואס דעמאלט וועט ער באקומען זיין נפילה.

האט זי גינומען די ברען בריל און האט זי גיהאלטן אקעגין זיין מוח ביז עס האט אים גיברענט אין מוח. איז ער אראפ גיפאלן אין ים אריין.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: דער ברען בריל דאס איז דער סקרין וואס מען קוקט אויף דעם עבירות, דער גלאזערנע סקרין פון א סמארטפאון, טעבלעט, קאמפיוטער וכדומה לזה, וואס דארט קען מען זען אלע שמוץ און עבירות וואס איז דא אויף די וועלט, און מען האלט דאס אקעגן דעם מח, ביז דער מח ווערט אינגאנצן אויסגעברענט, רחמנא ליצלן.

ווי ער איז אראפ גיפאלן איז דארט (אין זיין שיף) גיווארין א גרויס געפולדער. און האבין נישט גוואוסט וואס צו טאן ווי אזוי קערט מען זיך אום אהיים. ווארן דער מלך וועט שטארבן פאר צער. האבין זיי זיך מיישב גיווען. זיי ווילין צו גיין צו דער שיף וואס זיי זעהן (דהיינו צו דער שיף פון דער בת קיסר) טאמער איז דארט דא עפעס א דאקטאר וואס ער וועט זיי קענען געבין איין עצה. זענען זיי צו גיגאנגען. און האבין צו זיי גיזאגט (דהיינו צו די מענטשן וואס זענען גיווען אויף דער שיף פון דער בת קיסר) אז זיי זאלין קיין מורא ניט האבין. ווארין זיי וועלין זיי גאר ניט טון. און האבן זיי גיפרעגט. טאמער איז צווישן אייך דא איין דאקטאר וואס ער זאל אונז געבין איין עצה. און האבן זיי דער ציילט די גאנצע מעשה. און אז דער בן מלך

**אִיז אַרַיין גִיפַאלְן אִין יַם אַרַיין. הָאט דִי בַּת קֵיסָר גִיזָאגְט אַז מֶען זָאל אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם יַם.**

וַוייל דִי בַּת קֵיסָר אִיז דֶער צַדִּיק וָואס קֶען אוֹיסְהֵיילְן יֶעדֶעם אֵיינֶעם; וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ל') אַז "דֶער צַדִּיק אִיז אַזוֹי וִוי אַ דָאקְטֶער".

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶענוּמֶען דֶעם לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן פָארְגֶעלֶערְנְט פוּן אִינֶעוֵויינִיג דֶעם לָשׁוֹן פוּן רֶבִּי'ן (שָׁם): "עַל כֵּן אֵין לְהָאָדָם לוֹמַר: דֵי לִי אִם אֶהְיֶה מְקוֹרָב אֵצֶל אִישׁ נִכְבָּד וִירֵא הַשֵּׁם, אַף שֶׁאֵינוֹ מֻפְלָג בַּמַּעֲלָה, כִּי הַלְוַאי שֶׁאֶהְיֶה מִקֹּדֶם כָּמוֹהוּ". אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זָאגְן "עֶס אִיז מִיר גֶענוּג אַז אִיךְ וֶועל זַיין מְקוֹרָב צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט אַזוֹי גְרוֹיס, וַוייל, הַלְוַאי זָאל אִיךְ כָאטְשׁ זַיין וִוי יֶענֶעם"; - הָאט רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בַּאמֶערְקְט: אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ וִוי מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן מִיר דָאס זָאגְן: "פַארְוָואס זוּכְסְטוּ זִיךְ גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, פַארְוָואס מוּזְטוּ הָאבְּן (דֶעם רֶבִּי'נְס נָאמֶען) פוּן בְּרֶסְלֶב וָואס פַארֶערְכְט נְשָׁמוֹת, פַארְוָואס אִיז דִיר נִישְׁט גֶענוּג דַיין זֵיידֶע דֶער קַארְלְסְבּוּרְג'ער רַב שְׁלִיטָ"א, לֶערְן קוֹדֶם אַזוֹי וִוי אִים וְכוּ'..."; עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען וִוי דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעוואוּסְט פּוּנְקְטְלִיךְ דֶעמָאלְט, וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן הַיינְט, יָארְן שְׁפֶּעטֶער, אָדֶער הָאבְּן דָאס שׁוֹין מֶענְטְשְׁן גֶעזָאגְט נָאךְ אִין רֶבִּי'נְס צַייטְן.

זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: "אַל יֹאמַר כֵּן, כִּי אַדְּרַבָּא, כְּפִי מַה שֶּׁיֵּדַע אֱנָשׁ בְּנַפְשֵׁיהּ גֹּדֶל פְּחִיתוּתוֹ וְגֹדֶל רָחְקוֹ שֶׁנִּתְרַחֵק מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כָּל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁיּוֹדֵעַ בְּנַפְשׁוֹ, וּכְמוֹ כֵן כָּל מַה שֶּׁיּוֹדֵעַ בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא מְרֻחָק בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ לְנַפְשׁוֹ רוֹפֵא גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, הַגָּדוֹל בַּמַּעֲלָה בְּיוֹתֵר, דְּהַיְנוּ שֶׁיְּחַזֵּר וִיבַקֵּשׁ תָּמִיד לִזְכּוֹת לְהִתְקָרֵב לְהָרַבִּי הַגָּדוֹל מְאֹד מְאֹד כַּנַּ"ל. כִּי כָּל מַה שֶּׁהוּא קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ מְלַמֵּד גָּדוֹל בְּיוֹתֵר", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זוּכְן אַ גְרוֹיסֶע דָאקְטֶער, אַ צַדִּיק וָואס זָאל אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, וַוייל וואוּ וַוייטֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן דַארְף עֶר אַ גְרֶעסֶערֶע צַדִּיק וָואס זָאל אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען פוּן זַיין מַצָּב צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן.

פּוּנְקְט וִוי מֶען זֶעט בְּגַשְׁמִיּוּת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוּסְט אָדֶער עֶר הָאט רִיקְן וֵוייטָאג לֹא עָלֵינוּ, גֵייט עֶר צוּ אַ פָּשׁוּטְ'ן דָאקְטֶער, צוּ זַיין לָאקַאלֶע דָאקְטֶער, אַז עֶר זָאל אִים הֵיילְן, אוֹיבּ אָבֶער מֶען הָאט לֹא עָלֵינוּ גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס אַ מַחְלָה בַּיי אִים, דֶעמָאלְט אִיז עֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן זַיין פָּשׁוּטְ'ן דָאקְטֶער, נָאר דֶעמָאלְט זוּכְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער וָואס וֶועט אִים קֶענֶען הֵיילְן; דִי זֶעלְבֶּע אִיז בְּרוּחָנִיּוּת אִיךְ גֶעדֶענְק דָאךְ וֶוער אִיךְ בִּין, וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעטוּן אִין מַיין לֶעבְּן, אִיךְ וֵוייס וִויאַזוֹי אִיךְ קוּק אוֹיס - אִיךְ דַארְף זִיךְ הֵיילְן, דַארְף אִיךְ גֵיין צוּם גְרֶעסְטְן צַדִּיק וָואס עֶר וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן אוּן אוֹיסְהֵיילְן.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס, פוּן דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד): "שֶׁצָּרִיךְ לְהִתְגַּבֵּר מְאֹד בְּכָל הַכֹּחוֹת, לִהְיוֹת אַךְ שָׂמֵחַ תָּמִיד", אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; מִיט וָואס זָאל מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן? פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין אִידִישְׁקֵייט; אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, דוּ הָאסְט אַ בָארְד אוּן פֵּיאוֹת, בָּרוּךְ הַשֵּׁם דוּ הִיטְסְט שַׁבָּת, דוּ לֵייגְסְט תְּפִילִין. פְרֵיי זִיךְ מִיט פָּשׁוּטְ'עֶ אִידִישְׁקֵייט.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר: "פַארְוָואס דַארְף מֶען רֶעדְן אַזוֹי סַאךְ פוּן 'פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת', פוּן תְּפִילִין אוּן שַׁבָּת וְכוּ', וֶוער דַארְף חִיזוּק אוֹיף דִי אַלֶע פָּשׁוּטְ'עֶ זַאכְן?!"; וָואס הֵייסְט וֶוער דַארְף חִיזוּק אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן? אִיךְ דַארְף חִיזוּק אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן!

אַוַודַאי וֶוען עֶס אִיז אַ גֶעהֶערִיגֶע טָאג לֵייגְט מֶען תְּפִילִין, אָבֶער אַ טָאג וָואס מֶען אִיז פַארְנוּמֶען, מֶען הָאט אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט, מֶען דַארְף גֵיין מִיט דִי וַוייבּ צוּם דָאקְטֶער וְכַדוֹמֶה, דִי טָאג אִיז אַרִיבֶּער, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ סוֹף טָאג, וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט: "אוֹי אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעלֵייגְט קַיין תְּפִילִין", דַארְף מֶען הָאבְּן חִיזוּק אוֹיף מִצְוַת תְּפִילִין, מֶען דַארְף וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף דַיין תְּפִילִין, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דַיין תְּפִילִין, עֶר הָאט לִיבּ דַיינֶע מִצְוֹת וָואס דוּ טוּסְט. דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט שַׁבָּת, אַוַודַאי סְתַּם אַזוֹי הָאט מֶען נִישְׁט קַיין נִסָּיוֹן אוֹיף שְׁמִירַת שַׁבָּת, אָבֶער עֶס קוּמְט אַ זוּמֶערְ'דִיגֶע שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, וֶוען עֶס אִיז זֵייעֶר הֵייס, וִוי לַאנְג גֶעמְט אַז עֶס זָאל וֶוערְן פוּן הִיטְן שַׁבָּת - צוּ נִישְׁט הִיטְן שַׁבָּת? דִי עֶירְקָאנְדִישְׁן אַרְבֶּעט נִישְׁט, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר הֵייס, פְּלוּצְלִינְג אַרְבֶּעט שׁוֹין דִי עֶירְקָאנְדִישְׁן... דַארְף מֶען הָאבְּן חִיזוּק אוֹיךְ אוֹיף דֶעם, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַז הִיטְן שַׁבָּת אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת אִיז אִים דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת (שַׁבָּת קי"ח:).

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ו): "עוֹד יִהְיֶה זְמַן שֶׁמִּי שֶׁיִּהְיֶה אִישׁ כָּשֵׁר פָּשׁוּט, יִהְיֶה חִדּוּשׁ גָּדוֹל כְּמוֹ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה", עֶס וֶועט זַיין אַ צַייט וָואס צוּ זַיין אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד וֶועט זַיין אַזַא גְרוֹיסֶער חִדּוּשׁ וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי וַוייט דֶער דוֹר וֶועט נָאךְ אַרָאפְּפַאלְן, אָבֶער אִיךְ מֵיין אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין בַּיי דֶעם אַז צוּ זַיין אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

אָבֶער דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד): "וְרָאוּי לִקְבֹּעַ לוֹ אֵיזֶה שָׁעָה בַּיּוֹם לְשַׁבֵּר לִבּוֹ וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ", אַז אֵיין מָאל אַ טָאג זָאל מֶען יָא זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן דִי הַארְץ, אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, וִוי אַזוֹי קוּקְט אוֹיס מַיין טָאג, וִוי אַזוֹי לֶערְן אִיךְ, וִוי אַזוֹי דַאוֶוען אִיךְ, "אֲבָל כָּל הַיּוֹם כּוּלוֹ צָרִיךְ לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה", אָבֶער נָאכְדֶעם דַארְף מֶען זַיין אַ גַאנְצְן טָאג זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

אַז מֶען וֶועט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, נָאר רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְבְּרֶענֶען דֶעם מֹחַ, מִיטְ'ן בְּרֶען בְּרִיל - דִי סְמַארְטְפָאוֹן, טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער, וֶועט מֶען הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ב', מִמֶּלֶךְ וְקֵיסָר - חֵלֶק ד',
פָּארְגֶעלֶערְנְט שַׁבָּת קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ תש"פ לפ"ק)